„RADOMER-KIELCER LEBEN" 19 (159) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאָהרגאַנג פֿיערטער ...25 גראָשען

הײַנט 10 זײַטיג.

אדרעס
פֿון „ראַדאָמער-קעלצער לעבן"

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

אַנאָנסען פּרײַזן!
איין מילימעטער שורה: פֿאַר'ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ'ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

ראַדאָם פֿרײַטאָג י"ח אייר ת"פ"ז פֿאַר'ן אַנהאַלט פֿון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פֿעראַנטוואָרטליך 20-go maja 1927 r.



א האַרציגען ברכת-מזל-טוב און פֿיל גליק וואונשען מיר אונזער בּעאַמטען
**הלל מאַרימונד** צוליב זיין חתונה
מיט פרל' **טאַשא בּראָמבּערג**
פֿון אָפּאַטאָוו
**די פֿערוואַלטונג פֿון דער בּאַנק קרעדיטאָווא אין קעלץ.**

אַ ברכת מזל-טוב און פֿיעל גליק
וואונש איך מיין פֿריינד
**י. מ. רײַזמאַן** צוליב דער פֿערלאָבונג
פֿון זיין טאָכטער **פעלא**
מיט ה' **דוד בּעאַטוס**
**געציל גאָלדגרוב**
קעלץ.

Z Okazji zaręczyn koleżanki naszej
p. **Felicji Rajzmanówny**
z p. **Dawidem Beatusem**
składają serdeczne życzenia.
**Koleżanki i koledzy.**
Personel nauczycielski szkoły
p. S. Rajzmanowej i personel szkoły
„Laor" w Kielcach.

א האַרציגען ברכת מזל-טוב וואונש איך מיין פֿריינד און חבר, דירעקטאָר און מאַניסטראַט-לאַווניק ה' **י. מ. רײַזמאַן** צוליב דער פֿערלאָבונג פֿון זיין טאָכטער **פעלא** מיט ה' **דוד. בּעאַטוס** פֿון קאַליש.
**בנימין לעוו** קעלץ.

א האַרציגען ברכת-מזל-טוב וואונשען מיר דער פֿאַמיליע **רײַזמאַן** צו דער פֿערלאָבונג פֿון זייער טאָכטער **פעלא** מיט ה' **דוד בּעאַטוס** פֿון קאַליש.
**חיים שלום ליכטענשטיין**
עם פֿרוי און קינדער. קעלץ.

בברכת מזל-טוב הנה ועתיד מזהיר בארץ אבותנו אנו מברכים את ידידי משפחת **ריזמן** לרגלי אירושי בתם הנכבדה מרת **פעלא** את בחירת לבה מר **דוד בעאטוס** מקאליש. קעלץ.
**שרה ואלמר ארליך** ובהם **מאַניע.**

א האַרציגען ברכת מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוואָגער און ברודער **יוסף לערער** צו דער פֿערלאָבונג פֿון זייער טאָכטער **פרײַדע** מיט **אבא האַכמאַן** קעלץ.
**יעקב מענדעלעוויטש**
מיט פֿרוי קעלץ

Z okazji zaręczyn naszej kochanej kuzynki **Loli Balickiej** z p. **Eljaszem Zyskindem** z Końskich życzymy wiele szczęścia.
**Mordkowiczowie i Fidlerowie** Brzezany.

Z intencji zaręczyn syna mego **Eljasza** z p. **Lolą Balicką** z Kielc życzę wiele szczęścia.
**Sara Zyskind**
Końskie.

Z okazji zaręczyn naszego brata i szwagra **Eljasza** z p. **Lolą Balicką** z kielc życzymy szczęścia na tej nowej drodze życia.
**Chmielniccy** Końskie
**Zyskindowie** Radomsko

**LOLA BALICKA** Kielce
**ELJASZ ZYSKIND** Końskie
ZARĘCZENI
w maju 1927 r.




Z okazji zaślubin naszego kolegi i współpracownika p. **Henryka Marymunda** z p. **Tosią Bromberżanką** życzymy szczęścia i harmonji.
**Personel Kieleckiego Banku Kredyt. w Kielcach.**

טאָשע בּראָמבּערג הלל מאַרימונד
אָפּאַטאָוו קיעלץ
# חתונה געהאַט
19-טען מאַי 1927.

צו דער פֿאַרלאָבונג פֿון אונזער ליבען זוהן
**לייביש האַכנבוים** מיט פרל' **חנה קאַרמאַן**
...
עלטערן **אברהם** עם פֿרוי **האַכנבוים.**

צו דער פֿאַרלאָבונג פֿון אונזער ליבען ברודער, שוואָגער און פֿעטער **לייביש** מיט פרל' **חנה קאַרמאַן**
ווינשען מיר א האַרציגען מז"ט זאָל זייער נייער לעבענס-וועג זיין בעלויכטען מיט שטראַהלען פֿון א גליקליכע צוקונפֿט.
**יענטעלע, יוסיל** און **סאַלעמאָן זינגמאַן**
בעלגיע און בראַסעל.

צו דער פֿאַרלאָבונג פֿון מיין ברודער און שוואָגער
**לייביש האַכנבוים** מיט פרל' **חנה קאַרמאַן**
...
בערקע מיט זיין פֿרוי ... פּינקערשטיין.


## Ważne dla Kielc i okolicy.

Niniejszem zawiadamiam Sz. Klijentelę, iż został otworzony, fabryczny skład moich wyrobów w Kielcach ul. **Sienkiewicza 29 (Gmach Hotelu Polskiego).**

Z obstalunkami proszę się zwrócić do przedstawiciela mego p. **M. CUKIERMANA,** Kielce ul. **Sienkiewicza 29.**

Z poważaniem
Dr A. OETKER Oliwa.



# א יודישע פאלק'ס-שולע אין ראדאם דארף אונבעדינגט געשאפען ווערען.

די פראגע, וועלכע מיר בעריהרען יעצט אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג, איז שוין פיל מאהל בעהאנדעלט געווארען. קיין נייעס. קיין שים לעזונג. אבער אויף אט דער פראגע איז נאך ביז היינט נישט געגעבען געווארען אין די פראגע צוליב איהר שטענדיגער אקטועלקייט און איהר אייביג קאלאסאלער בעדייט מאהנט צו יעדער צייט א בעשייד, און א ענטשפרעכענדען ענטפער.

די פראגע בעלאנגט און איז נוגע דער ערציהונג, דער עלעמענטארער איוסבילדונג פון אונזער אונטערוואקסענדער געגעראציע, פון אונזער קומענדיגען יונגען יודישען דור, פאר וועמען קיינער טראכט נישט און קיינער זארגט נישט. נאך קיינער ביז היינט אין אונזער שטאדט האט זיך ערנסט נאך נישט פערקלערט, אז ס'וואלט נויטיג געווען אויפצובויען, צובעשאפען א יודישע פאלקס-שול פאר די הונדערטער יונגע קינדער פון דער אונבעמיטעלטער, פון דער אונפערמעגליכער קלאס, וועלכע זאלען דארט בעקומען פאר אומזיסט א יודישע און וועלטליכע ערציהונג. מיר האבען יודישע פארשטעהער, פערזארגער'ס און אלערארט כלל-טהוער, אבער קיין איינעם פון זיי איז נאך אפילו נישט אויפן געדאנק געקומען, אז אינ'ם גאנצען פראגראם פון זייער געזעלשאפטליכער טהעטיגקייט איז פערגעסען געווארען אריינצושטעלען א געוויסער פרט, טאקי איינער פון די סאמע וויכטיגסטע און נויטיגענדיגסטע, וואס איז דער מקור, איינער פון די עיקרים, אויפ'ן געביעט פון קולטור און ערציהונג.

ניטא אין ראדאם — א שטאדט, וואס צעהלט צווישען דער אלגעמיינער בעפעלקערונג בערך איבער דרייסיג טויזענט יודישע נפשות, — קיין איין יודישע פאלקס-שולע, וואס זאל האבען געשאפען געווארען פון דער יודישער געזעלשאפט אין געהערען אלס דאס אייגענטום, אלס רכוש פאר דער געזעלשאפט. ביז'ן היינטיגען טאג האט זיך נאך נישט געפונען די יעניגע יודישע אינסטיטוציע, אדער ארגאניזאציע, וואס זאל זיך האבען געווידמעט אזא קולטורעלע און אידעאלע ארבייט, ווי עס איז דאס אויפשטעלען, דאס אויפבויען א יודישע פאלקס-שולע. וואו א הוק די רעליגעזע און יודיש היסטארישע למודים. זאלען אויך געלערענט ווערען וועלטליכע למודים אין ברייטסטען מאסשטאב, אז דאס זאל אויך בעפריעדיגען די מאדערנע און די פארגעשריטענסטע עלטערען.

פארהאן אין אונזער שטאדט חדרים, מאדערנע יודישע שולען, א תלמוד תורה. אמת. מיר ווילען אין יעצטיגען מאמענט נישט אריינדרינגען אין דעם מהות, אין דער ערציהערישער אייגענארטיגקייט פון די אלע אויבענאויסגערעכענטע. מיר ווילען איצט נישט דורכפיהרען איבער זיי קיין אנאליז, אדער אבשאצען זיי מיט'ן מעסטער פון קריטיק. דאס איז א ענין פאר זיך. אונז אינטערעסירט נאר אין איצטיגען פאל א אנדערער מאמענט און דעם טאקי ווילען מיר בעהאנדלען. אויף וואס מיר שטרעבען איצט זיך אבצושטעלען איז אט וואס: וואס טוהען אונזערע פאטענטירטע געזעלשאפטליכע טהוער, אינזערע אזויגערופענע קאנצעסיאנירטע אפוטרופסים פאר'ן אלגעמיינעם יודישען שול-וועזען אין אונזער שטאדט? וואס טהוען זיי, כדי מעגליך צומאכען, אז הונדערטער יונגע יודישע קינדער זאלען ערצויגען ווערען אין יודישען און גלייכצייטיג אויך אין וועלטליכען גייסט?

— ס'איז דא מאדערנע יודישע שולען — וועלען זיי געוויס ענטפערען. אויב אזוי, ווי זשע איז דער דין מיט די הונדערטער און אפשר טויזענדטער יודישע עלטערען, וועמענס עקאנאמישער און מאטעריעלער בעשטאנד עס ערלויבט נישט צו צאהלען פאר זייערע קינדער צו עטליכע זלאטעס א חודש שכר למוד? וואס טהוען זיי איף פאר אט די קינדער?

— דערויף איז פארהאן א תלמוד תורה — וועלען זיי געוויס ווייטער ענטפערען. אויב אזוי וועלען מיר ווייטער פרעגען: וואס טהוען זיי פאר די יעניגע הונדערטער עלטערען, ווען די למודים פון איין זייט און דער פילאנטראפישער חאראקטער פון דער צווייטער זייט פון דער תלמוד תורה, בעפריעדיגט נאך נישט אינגאנצען זייערע געפיהלען און פערלאנגען? וואס טהוט מען פארט מיט די עלטערען. וואס זענען נישט ביכולת צוצאהלען שכר למוד פאר זייערע קינדער און זענען נאך דערצו „געשטראפט" דערמיט, וואס זייער בעגריף, וואס שייך ערציהונג און בילדונג איז ענטוויקעלט אין א ברייטערע מאס פון וועלטליכקייט און פראגרעס?

מיר ווייסען פאראויס דעם תירוץ פון אונזערע מנהיגים: ס'איז נישטא קיין געלד, ס'פעהלען דערצו די געהעריגע און נויטיגע פינאנץ-מיטלען — מיט אזא תירוץ קאנען וואס אנ'אמת אפעררען אלע אנדערע אינסטיטוציעס און געזעלשאפטען, וועמענס עקזיסטענץ עס איז בעיקר אנגעוויזען איף די גערנוויליגע זעלבסט-בעשטייערונגען, אין דער פארם פון מיטגליד'ס-אבצאהלונגען. דאס קאן גיכער זיין א בערעכטיגטער תירוץ פאר אט די יעניגע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, וועמענס ביודזשעטען עס זענען אנגעוויזען אויף חנדים פון די בעטרעפענדע זעלבסט-בעשטייערונגען. אזאך אזעלכע, וואס שיקט זיך אבער נישט צו זאגען וואס שייך דער קהלה-פארשטעהערשאפט, וועלכע בעשטייערט די שטאדט און מאהנט-איין מיט לעגאלער און געזעצליכער קראפט עטאט-אבצאהל פון דעם גרעסטען טהייל פון די יודישע בירגער פון שטאדט. די קהלה, ווי עס זאל נישט זיין, דיספאנירט מיט גרעסערע סומען, בעזיצט גרעסערע מעגליכקייטען און ס'איז דעריבער פערשטענדליך, אז נישט קיינער ווי זי קאן עס בעווייזען, אז א יודישע פאלקס-שול מיט א ברייטען וועלטליך-פעדאגאגישען פערנעם זאל געשאפען ווערען. מ'ברויך נאך דערצו האבען א גוטען ווילען און די געהעריגע פערשטענדניש.

אינ'ם ביודזשעט פון דער קהלה, וואלט מען גאנץ לייכט געקענט — אויב מ'וואלט נאר געוואלט — אריינשטעלען א ענטשפרעכענדע פאזיציע פאר א סובסידיום אויף דעם צוועק צו שאפען אזא פאלקס-שולע. די עטאט-צאהלערס וואלטען נישט געהאט דאגעגען; אדרבה, האבענדיג געגענזייטיגע נוצען און זעהענדיג רעאלע און נוצליכע מעשים, וואלטען זיי זייערע עטאטאווע שטייערן גערנוויליג און מיטן גרעסטען חשק בעצאהלט.

יעצט איז בין הזמנים. הונדערטער יודישע עלטערן געהען ארום מיט דער דאגה. וואס זאלען זיי טוהן מיט זייערע קינדער. זיי האבען נישט קיין געלד און זיי האבען נישט קיין שולע. טיעף אין זייער הארצען טהוט זיי וועה און עס מוטשעט דער געדאנק, וואס זאלען זיי טוהן מיט דער ערציהונג פון זייערע קינדער. די ארטאדאקסישע פארשטעהער אין דער קהלה האבען זיך יעדענפאלס מיט וואס פארצושטעלען פאר זייערע גענאסען אויף אט דעם געביעט. אין א געוויסע מאס קאנען זיי אט די חנוך און שול פראגע פערענטפערען און בעפריעדיגען זייערע אייגענע, ווי אויך די גאר [illegible] מיט דער תלמוד-תורה. מיט וואס אבער קאנען פערענטפערען די מעהר-וועלטליכע קהלה פרנסים די פראגע פון א

ŻĄDAJCIE WSZĘDZIE
OBUWIA
LUDOWEGO
SPORTOWEGO
TENISOWEGO
„PEPEGE"
-PEPEGE-
POLSKI PRZEMYSŁ GUMOWY T.A.
W GRUDZIĄDZU


TANIE·TRWAŁE·ELEGANCKIE

יודישע פאָלקס-שולע פאר די ברייטע און וועלטליכע פאָלקס-שיכטען?

דאָס שאַפען אזא פאָלקס-שולע, איז ממש א לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר הונדערטער יודישע עלטערן פון אונזער שטאָדט, וועלכע זענען רואינירט און עקאָנאָמיש צוזאַמענבראָכען און האָבען ביי קיין אופן נישט די מעגליכקייטען צו בעצאָהלען שכר-לימוד און אויך צוליעב די אויבענגעבראַכטע טעמים קענען זיי נישט זיין דעצידירט אָבצוגעבען זייערע קינדער אין דער תלמוד-תורה. אונזערע קהלה-פאַרשטעהער האָבען נאָך בעדארפט אין פריהערדיגען ביודזשעט אריינשטעלען א אָנגעמעסענע סובסידיע פאַר א פאָלקס-שולע. די וועלכע פאַרשטעהער פון וועלכע א טייל פון זיי זענען צוגעלייגט געוואָרן ראַטמאַנער אין געזו. שטאָדט-ראט, וואָלטען געקענט אויך אויס'פיעל'ן א סובסידיע אינ'ם מאַגיסטראַט-ביודזשעט אויף דעם צוועק. אויב דאָס איז פריהער נישט געטוהן געוואָרען, בריוך עס יעצט אינצעדינגט געטוהן ווערען. עס מוז געשאַפען ווערען א יודיש-וועלטליכע פאָלקס-שולע, וואו אונפערמעגליכע א נטעלגענטע עלטערן זאָלען קענען אָהן אָבגעבען זייערע קינדער, נישט פיהלענדיג זיך קרעמפירט; וואו ס'זאָל נישט זיין באַפאַרקבאַר קיין שום פילאַנטראָפישע טענדענצען, נאָר די שולע זאָל זיין געבויט אויף ריין געזעלשאַפטליכע יסודות, און די קינדער, ווי אויך די עלטערן זאָלען זיך פיהלען פריי און דרייסט; וואו דער פּראָגראַם פון די למודים זאָל ענטשפּרעכען דער מאָדערנער פעדאָגאָניק און וועלטליכקייט; וואו יעדער אינטעליגענטער פאָטער, זאָל, אָבגעבענדיג אָהין זיין קינד, זיין זיכער, אז דאָרט וועט זיין קינד ערצויגען ווערען אלס יוד און מענש, און דערצו נישט זיין געצווינגען אָנצושטרענגען זיך מיט זיינע לעצטע כחות, אָנצופאָרענדיג זיך דאָס ביסעל פון מויל אויף צו בעצאָהלען שכר-למוד, וועלכער ער איז נישט אין שטאַנד און נישט בכח.

אינזערע אויפגעטוהלטע קהלה-פאַרשטעהער דאַרפען זיך נישט האַלטען דאָס סאך גרינג. נישט שטענדיג איז לייכט איבערצוגעהן שטילשווייגענדיג איבער וועקענדע רופען און עפענטליכע אַפעלען. נישט שטענדיג קאָן מען זיך ערלויזען מיט בטיל אין גרינגשעצונג ציפערענטעטערען ברענענדע פראַגען, וואָס פאָדערען א קאָנקרעטע לעזונג און א בעפרידיגענדען ענטפער. ס'קומט א מאָהל א צייט, ווען די, וואָס שטעהען ביים רודער פון געזעלשאַפטליכען אַפּאַראַט מוזען אויף די פיעלע מאָליגע ווענדונגען און אפּעלען געבען א ענטפער. די קאַדענץ פון יעדער געוועהלטע קערפּערשאַפט איז נישט דווירהאַפטיג אויף אייביג.

אויך די קאַדענץ פון אונזערע קהלה פאַרשטעהער לאָזט זיך שוין באַלד אויס און שוין ניט לאַנג וועט קימען די צייט ווען אונזערע קהלה-פאַרשטעהער וועלען ברויכען קומען צום וועהלער און בעווייזען איהם פאָזיטיוו-געשאַפענע מעשים, כדי ווידער צוקריגען ביי איהם פאָליטישע קרעדיט און צוטרוי.

ס'טאָר מעהר נישט געצעגערט ווערען. אַזא פאָלק'ס-שולע בעדאַרף אין דער קורצעסטער צייט בעשאַפען ווערען. די נויט איז גרויס, הונדערטער משפחות און האנדווערקער זענען מאַטעריעל רואינירט און אראָב פון זייער מדרגה און א מאָדערנע וועלטליכע יודישע פאָלקס-שולע איז סאך זייערע קינדער א לעבענס-בעדערפעניש. א יודישע קהלה מיט א דעמאָקראַטישע און וועלטליכע בעפעלקערונג מוז אין דעם ערנסט טראַכטען און אונטערנעמען אין דער היינטיגע רעאלע און קאָנקרעטע שריט. די ערשטע איניציאַטיווע דאַרף אַרויסגעהן פון דער קהלה, וועלכע קאָן דערנאָך צו ציהען און אנגאַזשירען אין דער אקציע די פערזענליכע געזעלשאַפטען, אינסטיטוציעס און אפילו יחידים, וואָס קענען און ווילען פאר דער זאַך עפּעס טוהן.

ב. צווייג.

▪▪▪▪▪▪



# פון די ראדאמער מעשה'לעך.

**אז מען יאָגט זיך נאָך צוויי האָזען.**

מיר ווייסען נישט, ליבע לעזער, צי זי הערען פון אונזער היינטיגער מעשה'לע האָבען געהערט פון ווערטעל: „אַז מ'יאָגט זיך נאָך צוויי האָזען, כאַפּט מען קיין איינעם אויך נישט".

אָדער נישט. גיכער מסתמא, נישט, ווייל אויב זי וואָלט געוויסט, וואָלט זי נישט פאַר קיין יודישע טאָכטער געדאַכט—נישט געהאַט אזאַ מיאוסען דורכפאַל"..

נאָר יוי די מעשה זאָל נישט זיין, אונזער איינציגע מעשה'לע בעשטעטיגט נאָכאַמאָל דאָס, וואָס מיר האָבען שוין איינמאָל דערמאָנט אין איינער פון אונזער פריהערדיגע מעשה'לעך, אז „קול האָזן כקול שדי". — די שטימע פון פאָלק איז די שטימע פון גאָט און ווער עס פאַסט זיך נישט צו צו א פאָלקס-ווערטעל, דער האָט נאָכדעם צו זינגען און צו זאָגען.

נאָר איידער מיר טרעטען צו צום מעשה'לע גופא מוזען מיר אָבער בעטען ביי אייך, ליבע לעזער, איהר זאָלט פון אונז נישט פאָדערן דווקא דעם נאָמען פון דער העלדין, וואָרום ערשטענס, צו וואָס זאָלען מיר איהר שיטען זאַלץ אויף די ווינדען און פערשאַפען איבעריגען עגמת נפש, אז זי האָט שוין אַזוי אויך די והותר און קיין חבוט-הקבר, דוכט זיך, דאַרף זי שוין נישט לייזען און צווייטענס, ווייסען מיר אָן נישט מיר, און נישט איהר וועלען דערפון געהאָלפען ווערען אין פערקערט ווידער, עס וועט קיינעם חלילה נישט שאַטען, אויב איהר וועט נישט וויסען, ווער דאָס איז. דער עיקר איז דאָך די מעשה און מיר פערזיכערן אייך, אז דאָס איז א מעשה שהיה און טאַקע מיט אונזערע א ראַדאָמער פריילין.

קיינעם איז, דוכט זיך, אין ראַדאָם אַזוי גוט נישט געווען, ווי דער דאָזיגער פריילין, ווייל דער העכסטער אידעאַל, צו וואָס עס שטרעבען אַלע מיידלעך איז זי אויך בתוכם איז נאָך מיט עטליכע חדשים צוריק ביי איהר פערווירקליכט געוואָרען: געהאַט האָט זי א חתן פון ב., וואָס גאָט און לייט האָבען זיך מיט איהם געבענטשט. די חתונה זייערס איז שוין אפילו געווען בעשטימט אויף ל"ג בעומר. און אז דער חתן איז ביי איהר געווען צו גאַסט די צווייטע טעג פסח, האָבען אַלע מקנא געווען איהר גליק.

— א מזל פון א מיידעל! האָט מען זיך געבראַכט — ווכט זיך מיט שעהנקייט האָט זי נישט וואָס צו שטאָלצירען, מיט חכמת אודאי נישט, און אַזא גאָלדענעם יונגערמאַן געקריגען פאַר א חתן, נישט אנדערש „אַז גאָט וויל שיסט א בעזים אויך"..

איז טאַקע אונזער פריילין צוגעקומען געזונד. פון טאָג צו טאָג האָט מען געזעהן ווי זי פּאַפּראַוועט זיך — ממש די שכינה רוט אויף איהר...

נאָר מיר ווייסען נישט, וואָס דאָ איז פּליצלינג געשעהן; צי מ'האָט איהר אַן עין הרע געגעבען, צי דאָס איז געווען בלויז א צופאַל, גיכער מסתמא אַן עין הרע, וואָרום ווי זאָגט מען: „א יודישע עין הרע איז ערגער, ווי א גויאישער כשוף" — און פון איהר גליק האָט זיך איינגעלאָזט א בלאָזע...

א הער מעגט עס הערען, די מעשה

בגדא ומולא־סבא אנו מברכים את
ידידנו וחברנו הנכבד מר חיים
זילוני לרגלי אירושיו את בחירת לבו
מרת מאניה רוזנברג
יהי רצון, שתזכו לבנות את עתידכם
בטוב עושר ואושר על הרי ציון וירושלים.
קיעלץ. שרה יאלטר ארליך.

הלל!
נעם צו די פון מיר געשיקטע
געוואונשען געווידמעט דיין חאכצייט
מיט פרל׳
טאָשיע בראַמבערג
דיין פריינד:
בן־יעקב.

צו דער פערלאבונג פון אונזער
... און ...
לאה באריצקא ... אלי זוסקינד
וינשען מיר א גליקליכע צוקונפט.
עלטערען, שוועסטער, ברודער,
שוואגער און שוועגערין
קעלץ. באריצקי.

Z okazji zaręczyn naszego
kuzyna p. E. ZYSKINDA
— z p. —
LOLĄ BALICKĄ
życzy różowej przyszłości
Zofja Blausztajn
Kielce.

---

יודישער האנדווערקער־קלוב אין ראַדאָם.

זונטאג דעם 22/5 ה. י. פינקטליך 8 אין אָוונד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל וואַל 59 א אויסערגעוועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער.
וועגען זייער וויכטיגע פראגען — קומט אלע!

# Dr. S. WILNER
## KRYNICA
Cmach - pocały.
Choroby wewnętrzne
i układu nerwowego.

---

WYŁĄCZNA SPRZEDAŻ
*płóciennego obuwia*
znanej fabryki
BATA ZLIN CZECHOSŁOWACJA
w firmie
S. BAKER & Co LTD.
Warszawa,
Zielna Nr. 30
Tel. 80-22, 80 77.

ד״ר
סט.
זילבערשלאַג
קעלץ רינעק
קינדער און א נערליכע
קראַנקהייטען
איז צוריקגעקומען
און נעמט אָן יעדען טאג
פון 11 — 1 נ״מ
און פון 5 — 7 אָוענר.

נייעס! ——— נייעס!
אכטונג!
דעם 20־טען מאי
איז געעפענט געוואָרען דער
פענסיאָנאט
מיט אלע בעקוועמליכקייטען.
אין ווילע כאראשעווסקי
פ. פ. רייכקינד
אין ליטוואק
סס. סוכעדניעוו.
מעסיגע פרייזען.

צו דער חתונה פון מיין ליבען פריינד
און חבר הלל מארימונד
מיט פר״ל
טויבע בראמבערג
פון אָפּאָטאָוו וואונש איך זיי א הארצ געז ברכת מזל־טוב, רייכטום, צופרידענהייט און א גליקליך, הארמאָניש צוזאמענלעבען אין לאנג פון אונזערע אבות.
חיים זילאָני.
קיעלץ.

צו דער פערלאבונג פון
ליבע׳ש האכנבוים
מיט פר״ל חנה קארמאן
ווינשען מיר א הערצליכען מזל־טוב
און א גליקליכע צוקונפט.
חנה יאקובאָוויץ עם פאמיליע.

---




די נייעסטע און שעהנסטע
„טאפּעטען"
אויף צימער־טאַפּעטירונג
בעדייטענד ביליג, פּערקופט

ש. שטיינמאַן
ראדאם, לובלינער № 21
ביטע זיך צו ערקונדיגען!

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער פריינד
ה׳ מאיר זילבערבערג צוליבן טויט פון זיין פאטער
יצחק ז״ל
המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
קיעלץ אייר תרפ״ז. ה. טערצארז, ח. וויינריב.

---

רענטגען און עלעקטרישער
היילגאבינעט
קעלץ, טאַרעאַווא גאַס № 11

רענטגען פאר הייל און ערקענונגס־צוועקען. פאטאגראפיע צו גאַסטראניזאציע און פאראדיזאציע, בעלייכטונגען פון דער אולי־צעיק, פויגעלן א. ד. ג. איבערבערעכונגען, עלעקטראליזע, עלעקטרישע באטאַנען, דיאַטערמיע צו יוהרמען, קאלטע צוברענונגען, ארסאנואליזאציע, היפנאסטיק... בראַנדמארקעס אין מאוגדען, אויף האר א. א. וו. עלעקטרישע ...
קוואַרץ־לאמפּ.

Kino „CZARY" Kielce
Od piątku i dni następnych
*Miłostki Carskiego Huzara*
z udz. Puszkina
z MALINOWSKĄ i MOSKUŻNEM
w rolach głównych.
KPON! ——— ANONS!
BIAŁE NOCE.




---




*Kino CORSO w Radomiu*
היינט און יעדען טאג
דער דעמאָנסטרירט דאָס הערליכע קינאָ־קונסטווערק
גרויס א. ג.
MIASTO GRZECHU
tragedja w 10-ciu aktach.

*Kino „ODEON"* — w — Radomiu.
Od dnia 16 maja 1927 roku.
Słynne arcydzieło polskiej wytwórni p. t.
Bunt krwi i żelaza
קומט אין בעזוכט דאס הערליכע בילד.

Redaktor i Wydawca CH. H. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.